# די פינפטע קשיא ביים סדר

## פון די סעריע חסידים דערציילן

פון ט.ה. גוטהארץ



פסח. אין דעם יום טוב האט איר מאן הירצקע איינגעלאדענט צו זיין סדר־טיש צענדליגע ארימעלייט, און זיי מקרב געווען ווי אַן אייגענע משפחה. ביים סדר טיש איז הירצקע געזעסן אויסגעפוצט אין דעם קלאר ווייסן קיטל. דער טיש האט געפינקעלט מיט גאלד און זילבערנע כוסות און כלים, ארומגערינגעלט פון צענדליגע אורחים וואס האבן מיט הילכיגע שטימען געזאגט און אויסגעזוונגען די הגדה. איז דער שטוב דעמאלט אנגעפילט געווארן מיט שמחה און חירות. זי האט כסדר צוגעטראגן גוטע מאכלים און יעדן באזונדער האט זי מקרב געווען ווי אַן אייגן קינד און געקוואלן פון די פרייד פון די ארימע אורחים. אזוי איז דאס געווען יעדן פסח און דאס האט איר צוגעגעבן כוח און א חיות פאר לאנגע טעג.

רייכקייט און עשירות איז אבער ווי א רעדעלע וואס דרייט זיך און פלוצים האט הירצקא'ס מסחר אויסגערינען. יעדן טאג זענען צוגעקומען אנדערע באנקראטן און פון טאג צו טאג איז הירצקע געווארן ארימער און ארימער און עס איז געקומען דער ביטערער טאג אז ער איז געווארן א בלוטיגער ארימאן.

ער אליין האט אנגענומען זיין מערכה און ארימע לאגע און נישט געפרעגט קיין קשיות. אויב דאס איז א גזר פון הימל טאר מען נישט פרעגן קיין קשיות און מען טאר חלילה נישט מתרעם זיין.

זיין ווייב פעסעל אבער, איז אצינד געגאנגען צום צדיק מיט אנדערע בקשות. זי האט שוין מער נישט געבעטן אז דער צדיק זאל איר וואונטשן א בן זכר. זי האט געבעטן אז השי"ת זאל איר אויסלייזן פון ארימקייט און אז זייער מזל זאל צוריק אויפגעריכט ווערן.

דער הייליגער ר' מעכעלע האט איר געטרייסט און געזאגט, גלויבט מיר אז אלץ וואס השי"ת טוט איז לטובה. פון אייער איצטיגן אומגליק וועט ארויסקומען אייער הילף און אַן אמת'ע ישועה.

אין דעם יאר איז הירצקע'ס סדר מער נישט געפראוועט געווארן מיט שמחה און מיט אורחים, ווי אין די פריערדיגע יארן. אויף דעם סדר טיש זענען מער נישט געשטאנען די גאלדענע און זילבערנע כוסות און כלים, וואס זענען אצינד אלע געווען פאר'משכון'ט. זיין ווייב פעסעל האט מער נישט סערווירט די גוטע און רייכע מאכלים. אבער זי האט נישט פארגעסן וואס דער צדיק האט איר צוגעזאגט אז פון איר ביטערע דאליע וועט קומען די אמת'ע ישועה, און דאס איז געווען איר טרייסט. אויך הירצקע איז געזעסן אויף דעם היסב־בעט און פארטריבן פון זיך עצבות און טרויער. עס איז יום טוב און מען טאר נישט טרויערן.

חסידישן ברען. ווען ער האט אפגעזאגט דעם כהא לחמא עניא און געזען דעם אנהייב אין די הגדה "מוזגין כוס שני וכאן הבן שואל מאביו מה נשתנה", האט ער מער נישט געקענט אויסהאלטן און ער האט אויסגעפלאצט אין געוויין. "ניין, איך קען נישט מער, איך קען נישט אנהייבן דעם מה נשתנה, ווייל רבונו של עולם איך האב א פיפטע קשי'. איך פרעג ביי דיר טאטע פאטער אין הימל, פארוואס זאל הירצקע זיין אנדערש ווי אנדערע אידן, כאטש איך האב אין מיין ארימקייט געטאן אלץ וואס מען דארף טאן אז דער סדר זאל זיין לויט דעם שולחן ערוך מיט ווייַן פאר פיר כוסות, מיט שמורה מצות און איך האב חלילה נישט געפרעגט קיין קשיות, אבער פארוואס זאל איך אויך נישט קענען מקיים זיין דעם אנזאג פון די הגדה, כאן הבן שואל מאביו מה נשתנה?" אזוי האט ער זיך אויסגע'טענה'ט מיט דעם רבונו של עולם. זיין ווייב האט געהערט זיינע טראגישע ווערטער און זי האט אים צוגעהאלטן מיט אירע שליכצן און געוויין.

הירצקע האט אוועקגעשטעלט דעם נישט אנגעגאסענעם כוס און נישט אפגעע[illegible] חשבון איז ער געלאפן צום צדיק פו[illegible] פינפטע קשי'. ווען דער הייליגער צדיק האט אים דערזען, האט ער אים צוגערופן צו זיך און אים געזאגט מיט ליבשאפט: הירצקע דיין פינפטע קשי' האט געמאכט א גרויסן רושם אין הימל, און איך זאג דיר צו אז כעת חי' אי"ה איבעראיאר וועסט זיצן ביים סדר טיש מיט רייכקייט און א בן זכר.

פארשטייסט הירצקא, דו האסט אליין גורם געווען דיין מצב. אמת דו האסט אנגענומען דיין שלעכטן מצב און נישט געפרעגט קיין שאלות. און אזוי דארף טאקע זיין. אבער איין חסרון האסטו געהאט וואס דו האסט אויפגעגעבן האפנונג. דו האסט פארלוירן דיין בטחון און זיך מייאש געווען. א איד טאר חס ושלום נישט ארייַנפאלן אין יאוש. א איד טאר נישט אויפגעבן קיין האפנונג. האט דיך דעריבער דער רבונו של עולם געשטראפט מיט ארימקייט. דיין ארימער סדר טיש, דיין נישט האבן ווער עס זאל דיך פרעגן מה נשתנה האט געברענגט אז דו זאלסט פארלאנגען א ישועה פון באשעפער. דיין פארלאנג וועט אי"ה מקויים ווערן ווייל מיט דיין קשי' האסטו ארויסגעוויזן אז דיין בטחון איז נישט אויפגעגעבן.

און דער צדיק האט צוגעגעבן, נישט דוקא פאר הירצקע'ן נאר פאר אלע וואס זענען געזעסן ביים סדר טיש, און געזאגט "א איד טאר חס ושלום נישט פרעגן קשיות אויף דעם באשעפער, ער דארף אלץ אננעמען פאר ליב. אבער א איד דארף קיינמאל נישט אויפגעבן זיין בטחון אז אפילו ווי שלעכט דער מצב זאל נישט זיין איז ישועת ה' כהרף עין".

מען דארף נישט צוגעבן אז דער צדיק'ס ברכה איז מקויים געווארן און הירצקע איז געבענטשט געווארן מיט א בן זכר און אויך צוריק מיט עשירות.

בנות יעקב ד'פאפא לחינוך הבנות
נתייסדה ע"י כ"ק מרן הקוה"ט זצללה"ה זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בס"ד

מיר האבן דעם כבוד אייך העפליך
איינצולאדען צו אונזער יעהרליכע

מלוה מלכה

וואס וועט פארקומען אי"ה
מוצש"ק, פ' ויקרא תשנ"א לפ"ק
בשעה 9:00
באולם מנורה האלל
5000 - 14th Avenue
ברוקלין נ.י.

גאסט רעדנער
הרה"ג המפורסם פה מפיק מרגליות
גן הדסים בנש"ק כש"ת
מוה"ר רבי נחום מאיר פאנעט שליט"א
רב דקהל זכרון משה דעש

אורח הכבוד
ידידינו הרבני הנגיד המפואר כש"ת
תלמיד כ"ק מרן הקוה"ט זי"ע
מוה"ר יוסף אייזיק דאווידאוויטש נ"י

גזר אב השנה
ידידינו הרבני הנגיד המפואר
ידיד נאמן למוסדותינו ה"ה כש"ת
מו"ה משה שמואל ראסטענשטיין נ"י

גזר עסקנות
ידידינו הרבני הנגיד המפואר
עוסק בצרכי ציבור להכלל והפרט כש"ת
מו"ה אהרן עקיבא גאלדבערגער נ"י

טשערמאן
ידידינו הרבני הנגיד המפואר כש"ת
רודף צדקה וחסד כש"ת
מו"ה יוסף הערצאג נ"י

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
יפאר אי"ה את המסיבה

אייער פערזענליכע און פונקטליכע ערשיינונג
וועט פאר אונז זיין א כבוד און חיזוק